בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של רביה"ק מוהר"ן מברסלב זי"ע

**מאת הרה"ח ר' לוי יצחק בענדער זצ"ל**

מתובל בסיפורי עובדות מאנ"ש מדורות הקודמים

~ **אידיש** ~

קונטרס י"א, פרשת תזו"מ - אח"ק, תשע"ח

# תוכן השיעור

**נישט מאכן קיין 'געשעפטן'...**

**'תשובה' מיט 'שמחה'...**

**"המתפתהביינו יש בו מדעת קונו"**

**"לקיים את ימי הפורים האלה"...**

**"נכנס יין יצא סוד"...**

**"אם יפול האחד - יקום את חברו"**

**דאס 'הארץ' קער צו דעם 'קוואל'...**

**א ברכה אין די 'צייט'...**

**דער 'לוחם' קעגן עמלק!**

**א 'דאפלטע' השפעה...**

**די 'אויגן' פון די וועלט!**

להאזין אל כל השיחות שי"ל על ידינו
**(+1)-641-715-3800** ואחר כך **718920#**
לשמוע השיעור המצו"ב יש להקיש **111**

©
כל הזכויות שמורות

**הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל;**
יוסף מענדל האס
מאנסי, נוא יארק
**(+1) 845-200-0443**

**כמו כן ניתן להתקשר במספר הנ"ל כדי להשתתף בהוצאות הקונטרס כי רב היא וזכות הרבים תלויה בו**

לקבל את הקונטרס וכן ההקלטה (**MP3**) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל;
**Rlyb148@gmail.com**

מופץ ע"י ברסלב גלובל **Info@Breslevglobal.com**

# פרשת תצוה, תשל"ד

## אור ליום ו', פורים המשולש בירושלים עיה"ק

## ובסופו חלק משיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ח

(טייפ מס' 17)

## נישט מאכן קיין 'געשעפטן'...

(חסר התחלת השיעור) - - די וועלט פרעגט דאך קשיות אויף אונז, "פארוואס ביי אונז איז נישטא קיין רבי"?! מען האט מיך אויך אמאל געפרעגט "פארוואס האט איר נישט א רבי'ן צו לערנען פון איהם"?! האב איך זיי געענטפערט בפשיטות - דעם רבי'נס זאך איז אזוי געווען - ווייל איר זעהט דאך אז ביי אייך, אז ס'איז געווארן רבי'ס, האט איר אנגעהויבן דאווענען שפעט', ניין אזייגער — צעהן אזייגער, און ביים רבי'ן נישט! פארוואס? ווייל ביים 'בעל שם הקדוש' האט מען געדאווענט אין צייט, און דעם רבי'נס זאך איז געווען 'מען זאל נישט בייטן קיין שום זאך'!

דער רבי האט געזעהן ברוח קדשו אז אויב עס וועט ווערן א רבי וועט אויך ווערן אזוי, אזוי - איז דער 'אלטער וועג', דאס איז דער אלטער וועג אונזערע, ס'בייט זיך נישט, אזוי ווי ביים רבי'ן איז געווען! דאס איז דער תירוץ, אזוי פלעגט מען זאגן...

*

(אחד מהנוכחים; עס שטייט עפעס א בריוו פונעם בעל שם טוב'ס טאכטער, אדל'ע, שרייבט זי אז דער טאטע האט נישט געדאווענט ותיקין - -) איך ווייס פון דער בריוו, דער בריוו איז אינגאנצן נישט קיין ריכטיגער בריוו! דער בריוו איז א 'פאלשער בריוו', איינער א מונקאטשער האט אפגעדרוקט דער בריוו, און דער אלטער מונקאטשער (רב זצ"ל), דער וואס איז געווען דעם דרכי תשובה'ס זוהן, רבי חיים אלעזר (המנחת אלעזר) האט דעם מענטש נישט אריינגעלאזט צו זיך אין שטוב אריין! ווייל ער האט ארויסגעגעבן א פאלשער בריוו!

איך בין געווען אין דייטשלאנד (אחר המלחמה, במחנות העקורים), זיי האבן מיר דערציילט (חסידי מונקאטש), האט ער געזאגט (המנחת אלעזר) "דו זאלסט נישט אריינקומען צו מיר אין שטוב אריין, דאס איז א פאלשער בריוו"!

יענער האט אפגעדריקט א בריוו אז דער בעל שם האט געזאגט אז ביז יעצט האט מען פאררעכטן די אנדערע האלב נאכט (יעצט דארף מען פארעכטן דעם ערשטן האלב - להיות ער בחצי הלילה הראשונה עד חצות)!... דאס איז א פאלשע בריוו!

פון וואנעט האט זיך דאס גענומען? ס'איז געווען אמאל אזוי, ביים 'בעל שם' איז געווען צדיקים גרויסע, איז געקומען אמאל גרויסע מענטשן, האט זיך אנגערופן די טאכטער; "**טאטע, חצות**"! (כי היה שוחח עמם בשעות של תחלת הלילה, ענה הבעש"ט) 'נו מען דארף דאך אמאל פאררעכטן די ערשטער האלבע נאכט אויך'!

אז ס'איז געווען ביי איהם צדיקים, און ער האט געדארפט רעדן מיט זיי, האט ער געזאגט; נו מען דארף אמאל פארעכטן דער ערשטער האלבע נאכט אויך...

[(אחד מהנוכחים; רבי נתן פלעגט אויך מסתמא אז ס'איז געווען מיט וועמען צו רעדן...) ער האט געכאפט א דרימל פאר חצות עפעס, א דרימל דארטן אויף דער האנט, עפעס עפעס.[א]]

- - האט זיך דערפון גענומען א פאלשער בריוו, א פאלשער בריוו! אויסטראכטן אזוי?! מען ווייסט דאך אז די אלע תלמידי בעל שם האבן נישט פארפעהלט קיין נאכט פון קימת חצות! אלע!

אויפ'ן רבי'ן ר' אלימלך שטייט אז נאך מעריב האט ער זיך פארשלאסן, ער האט נישט צוגעלאזט צו זיך קיינעם, איך האב ביי מיר דעם 'נועם אלימלך'[ב], ברענגט ער אז ס'איז נישט דא קיין שום 'עליות התפילה' אין דער צייט! נאר זיך צולייגן

---

[א] עי' אבניה ברז"ל - שיחות וסיפורים מרביז"ל אות נ"ו; פַּעַם אַחַת שָׁאֲלוּ אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵנוּ לְרַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ עִנְיַן חֲצוֹת אִם יְכוֹלִים לִהְיוֹת נֵעוֹר עַד חֲצוֹת וְלוֹמַר חֲצוֹת. וְהֵשִׁיב לָהֶם רַבֵּנוּ הַקָּדוֹשׁ שֶׁעִקַּר הָעֲבוֹדָה שֶׁל חֲצוֹת הוּא, לָקוּם מֵהַשֵּׁנָה וְלוֹמַר חֲצוֹת.

[ב] בשעה"ג החדש ח"ב שנדפס ע"י בנו של בעל התפא"ש מראדאמסק זצ"ל שכ' וז"ל, ושמעתי כמ"פ מכבוד אדמו"ר זלה"ה שהזהיר מאוד לחברים המקשיבים ע"ז הענין של חצות וצעק מאוד על האנשים החדשים מקרוב באו שהנהיגו להיות נעורים דוקא עד אחר חצות שעה א' או ב' ואח"כ ישנים, ואמר בשם מגידי אמת איך שהרבי ר' אלימלך זי"ע היה ישן מתחלת הלילה עד חצות והיה אצלו סגור ומסוגר ואמר שאז אין שום עליה לתורה ולתפלה השמימה רק דוקא אחר חצות עכ"ל.

שלאפן, און אויפשטיין האלבן נאכט! און אפילו די שפעטערדיגע, דער רבי הערש'עלע זידיטשוב'ער זאגט ער אויך[ג] - -

עס איז דאך א פאלשער בריוו, מען נעמט א פאלשער בריוו און מען ברענגט עס אריין אין די וועלט אריין, א שקר גמור! א שקר מוחלט! א שקר מוחלט אויסגעטראכט! אזוי האב איך געהערט, אז דאס איז די מעשה געווען.

*

(אחד שואל; פון וואנעט נעמט זיך צו זאגן סליחות מוצאי שבת ביי האלבע נאכט?) דאס איז אויך א פארגרייזטע זאך[ד], 'במוצאי יום מנוחה' זאגן זיי ס'זאל זיין נאך ביינאכט.

רבי נתן האט אזוי געזאגט; אז דער עיקר סליחות איז נאר אז מען זאל דאווענען ותיקין! דאס גרויסקייט פון ותיקין איז אזוי גרויס, אז מען האט געזאגט סליחות כדי מען זאל דאווענען ותיקין!

היינט איז געווארן אזוי, זיי זאגן אפ סליחות, און דאווענען שפעטער מיט עטליכע שעה... די גאנצע סליחות איז דאך געווארן פון דעם - ווייל ותיקין איז אזוי גרויס!!

וואס מיר טוען - איז אזוי געווען ביין רבי'ן! אזוי איז געווען און שוין! אלץ פון די זאכן האט מען אנגעהויבן מאכן געשעפטן, מען האט אנגהויבן מיט דעם (סליחות מוצאי שבת), דאס איינ'גע מאכט מען זכור ברית אויך - -

*

[ג] עי' בספה"ק סור מרע ועשה טוב (להרה"ק מהרצ"א מזידיטשוב), וז"ל, אחי ורעי לא די בזה שנהגו כמה אנשי מעשה להיות מפיגים ונעורים עד אחר חצות ועושים התיקון, ואח"כ הולכים לישון, כי בזה משנים המה הסדר ומהפכים ח"ו הצינורות עד חצות זמן שינה, והוא עבודה בפנ"ע, ואח"ז הקימה בזמן הרחמים והרצון אחר חצות, והמה מהפכים הסדר, ולא תיזיל בתר איפכא, לישון אחר חצות, בשעתא דקוב"ה אזיל להשתעשע בג"ע, עכ"ל.

[ד] (כמובן שאין הכוונה לאותן ק"ק שנוהגין כן עפ"י מנהג אבות אבותיהם, עי' שו"ת אג"מ או"ח ח"ב סי' ק"ה ועוד, ואכמ"ל).

# 'תשובה' מיט 'שמחה'...

דער רבי האט אזוי געזאגט; פארוואס קריגט מען אויף מיר? ווייל מיין זאך איז תפילה, תפילה איז 'מהדברים העומדים ברומו של עולם ובני אדם מזלזלין בהן', דערפאר קריגט מען אויף איהם![ה] דער רבי האט אזוי געזאגט, שוין, דערפאר קריגט מען אויף מיר - ווייל זיין זאך איז תפילה.

ס'קומט דארטן א יארצייט'ל, צו א ברית, א גאנצע שמחה אז מען דארף נישט זאגן קיין 'והוא רחום', א גאנצע שמחה! וואס איז אינגאנצן דער מאנטאג און דאנערשטאג? דערפאר ווייל ס'איז ימי רצון די טעג![ו] איז אויב א יארצייט פון א צדיק איז ימי רצון, דארף מען דאך מער מרבה זיין בתפילה! פארוואס זאגט מען מאנטאג און דאנערשטאג והוא רחום? ווייל ס'איז ימי רצון! אז ס'איז ימי רצון - דארף מען מער מרבה זיין בתפילה די טעג!!

אפילו דארטן "ז' אדר", ז' אדר איז דאך א געוואלדיגע - ס'איז א תענית צדיקים, מען זאגט גאר סליחות דעם טאג! אוודאי, ס'איז דער הילולא פון משה רבינו, איז דאך א געוואלדיגע זאך! אבער נישט אויף דערויף אז מען זאל ממעט זיין בתפילה, אדרבא, אזא הייליגע טאג ווי דער טאג דארף מען דאך מער מרבה זיין בתפילה! מער האבן התבודדות! 'זכותו יגן עלינו' - די זכות פון משה רבינו!!

*

(השואל; אין אומאן פלעגט מען טרונקען לחיים ביי יארצייטן?) אין אומאן האט מען קיין גלאז טיי נישט געהאט! לחיים טרונקען? ס'איז נישט געווען ביי אונז די זאכן, מען האט נישט געמאכט פון דעם עיקר קיין טפל, און פון די טפל א עיקר!! אז ס'איז געווען א זאך פון עפעס א 'יומא דפגרא' האט מען עס אויסגענוצט מיט מער תפילה!!

א 'יארצייט', רבי נתנ'ס א יארצייט, צו דעם רבי'נס א יארצייט - דעם רבי'נס יארצייט איז געווען, דעם רבי'נס ציון איז געווען - - (א' מהנוכחים; עס איז דאך סוכות, זמן שמחתינו?!) פונדעסוועגן, ס'איז געווען א גרויסע התעוררות, אן התעוררות פון

[ה] ליקוטי מוהר"ן תניינא סי' צ"ג, עפ"י מאחז"ל ברכות דף ו' ע"ב.

[ו] עי' טור אורח חיים סי' קל"ד.

תשובה איז געווען דער טאג! ס'איז געווען אן התעוררות לתשובה דעם טאג! (השואל; מ'פלעגט גיין אויפ'ן ציון אפילו ס'איז געווען חול המועד?), יא!

*

די וועלט מיינט אז 'תשובה' מיט 'שמחה' איז עפעס צוויי וועלטן, וויבאלד 'תשובה' - איז ווי קען זיין 'שמחה'? ניין! פונקט פארקערט גאר! וויפיל דו ווערסט זיך שטארקן מער אין 'שמחה', ווערסטו קענען האלטן מער ביי 'תשובה', די 'שמחה' דארף גאר מעורר זיין די 'תשובה'!

"שמחה עפענט אויף דאס הארץ" - ברענגט דער רבי אין די אנדערע חלק אין תורה יו"ד - "מען קען נישט האבן ישוב הדעת נאר דורך שמחה"! אז איך וויל זיך מיישב זיין, מוז איך דאך נעמען די מוח מיינע און צובינדן מיט א ישוב הדעת, צובינדן צו א געדאנק און זיך מיישב זיין אין די זאך, אבער אז דער מוח פליהט אוועק, ער האלט זיך נישט מיט מיר, ער פליהט אוועק, וואס איז די עצה?! זאגט דער רבי אז דורך 'שמחה' קענסטו צובינדן דער מוח! און צוקומען צו שמחה - איז דורך די תורה פון 'אזמרה לאלקי בעודי'![ז]

די וועלט מיינט אז וויבאלד ס'איז דא 'שמחה' - ווי איז שייך צו רעדן פון 'עלמא דאתי'?! "זיי רעדן נאר פון עלמא דאתי", "זיי רעדן נאר פון טויט"! (כך אומרים העולם על חסידי ברסלב). אבער דאס איז פונקט פארקערט, מען קען זיך נישט אויסרעדן פאר השי"ת (רק ע"י שמחה)[ח] - - - און מען קען באמת נישט האבן א 'נתת שמחה בליבי'[ט], מען קען נישט האבן באמת א שמחה, נאר דורך די וועג וואס דער רבי לערנט! (ע"י התבודדות וזכרון עלמא דאתי), אזוי קען זיין א שמחה בלב! און אז נישט -

---

[ז] ליקוטי מוהר"ן תו' רפ"ב, עיי"ש כל הענין בתו' י' תניינא.

[ח] שיחות הר"ן אות כ'.

[ט] מלשון הכתוב תהלים ד', ועי' מזה בליקוטי מוהר"ן תו' קע"ה מענין עיקר מעלת הבכיה כשהוא מחמת שמחה וכו'.

איז 'ולשמחה מה זו עושה'[י], 'ולשמחה מה זו עושה'?! דאס איז דאך א 'סימן' - אז נאך א 'לב נשבר' ווערט 'שמחה'!!![יא]

אז עס ליגט עפעס א מין 'עצבות' אין הארץ, דאס איז 'נשיכת הנחש'![יב] דער עצבות איז גורם אלע מידות רעות, דער עצבות לאזט נישט דאווענען לאזט נישט לערנען![יג] און אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען האט א שמחה בלב, איז דאך ממש - מען הרג'עט דאך אוועק דעם עצבות, דעמאלטס קען מען טרעפן א וועג אויף תורה ותפילה!

דעם 'עצבות' - וואס דאס איז 'נשיכת הנחש' - קען איך איהם פארטרייבן! האב איך דאך א וועג, האב איך דאך א וועג, האב איך א וועג אויף דאווענען און לערנען! נאר וואס דען, דורך וואס טרייבט מען איהם אן דעם עצבות?! זאגט דער רבי, דורך דעם וועג פון די תורה 'אזמרה לאלקי בעודי' (תורה רפ"ב).

*

## "המתפתהביינו יש בו מדעת קונו"

(השואל; פורים פלעגט מען אויך גיין אויפן ציון?) ביינאכט, חצות!

דארטן איז געווען דער פורים אביסל מער ערנסטער ווי דא, מער התעוררות ווי דא, די 'בכיות' וואס פלעגט זיין פורים - ס'איז געווען א געוואלד, שיכור'דיגערהייט,

---

[י] מלשון הכ' קהלת ב' ב'.

[יא] שיחות הר"ן אות מ"ה. ועי' ליקוטי הלכות הל' פסח ט' אות ט"ו ולהלן מענין זה, וז"ל; ... וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל, בְּהִלּוּלָא דְּמַר בְּרֵיה דְּרַבִּינָא אָמְרוּ רַבָּנָן לְרַב הוּנָא זוּטֵי לִישְׁרֵי לָן מַר, אָמַר לְהוּ "וַי לָן דְּמִיתְנָן וַי לָן דְּמִיתְנָן וְכוּ' הֵי תּוֹרָה וְהֵי מִצְוֹת דְּמַגְּנָן עֲלָן". כִּי הָיָה בְּשִׂמְחָה גְּדוֹלָה כָּל כָּךְ, עַד שֶׁאֵימַת מָוֶת לֹא הִפִּילָה אוֹתוֹ כְּלָל, אַדְּרַבָּא, עַל יְדֵי זֶה נִתְעוֹרֵר לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, בִּבְחִינַת וְהִנֵּה טוֹב מְאֹד וְכוּ', הֵפֶךְ הָרְשָׁעִים שֶׁנֶּאֱמַר בָּהֶם "זֶה דַּרְכָּם כֶּסֶל לָמוֹ וְאַחֲרֵיהֶם בְּפִיהֶם יִרְצוּ סֶלָה" - שֶׁדַּיְקָא עַל יְדֵי שֶׁזּוֹכְרִין יוֹם הַמִּיתָה וְיִרְאַת הָעֹנֶשׁ נוֹפְלִים יוֹתֵר ח"ו. אֲבָל הַמְקֹרָבִים וְהַנִּלְוִים לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת הַנַּ"ל נִמְשָׁךְ עֲלֵיהֶם הֶאָרָה מֵהַיִּרְאָה עִלָּאָה וְנִפְלָאָה הַנַּ"ל - שֶׁעַל יְדֵי זֶה הַיִּרְאָה בָּאָה רַק לְחַיִּים לְקָרֵב וְלֹא לְרַחֵק ח"ו. (עיי"ש באריכות כל הענין).

[יב] ליקוטי מוהר"ן תו' קפ"ט.

[יג] ליקוטי מוהר"ן תו' קנ"ה.

א געוואלדיגע התעוררות איז געווען! און מופתים געוואלדיגע, מופתים איז געווען פורים!

איך האב געהאט אמאל וואס איך האב געליטן שטארק אויפ'ן הארץ, דאס איז שוין א מעשה - צוריק מיט עטליכע און פופציג יאר, שטארק געליטן אויפן הארץ, און זיי (חבריו מאנ"ש באומאן) האבן זיך דערשראקן זייער, איך האב שטארק געליטן אויפן הארץ פלוצלינג!

איז געווארן פורים, און 'נחום שוסטער'[יד] איז געווען דער גבאי דארטן, ער איז געווען גבאי דעמאלטס אין שול, איך בין געווען דער חזן, און ער איז געווען גבאי. שוין - אז איך לייד אויפן הארץ, זאגט זי צו מיר, זי עליה השלום (אשת רבי לוי יצחק בזוו"ר); "דו זאלסט נישט טרונקען, דו זאלסט וויסן וואס מיט דיר טוט זיך, זאלסט נישט טרינקען"! (שחששה על מצב בריאותו).

בין איך אריין צו נחום שוסטער - דער גבאי, נו 'נחום - גיב משקה'![טו] האט ער אוועקגעשטעלט א פלאש ברוינפן, א גרויסע פלאש ברוינפן, האב איך די גאנצע פלאש אפגעטרינקען - די גאנצע פלאש ברוינפן אויסגעטרינקען מיט איין מאל!

שוין, איך בין ארויסגעאנגען אינדרויסן, האב איך געזעהן אז איך קען נישט גיין, האט מיר נחום צוגעהאלטן איך זאל נישט פאלן, און איך בין אריינגעקומען צו ר' אברהם שטערנהארץ, דארטן איז שוין געווען דער עולם פיל, און עס איז געווען א קליין שטיבעלע, גיי איך ארויס אינדרויסן פאר אביסל ליפט, און איך גיב באלד א פאל צו די ערד! און זי (זוגתו ע"ה) איז דארטן געווען, האט זי אנגעהויבן צו שרייען 'געוואלד, געוואלד'! א מענטש אזוי שלאף אויפן הארץ - -

און דער אויבערשטער האט געהאלפן, אויפצומארגן אינדערפרי האב איך נישט געוואוסט דאס גאנצע (כאב הלב)! צוגענומען! אוים! 'כאחד האדם', גלייך ווי

---

[יד] רבי נחום שטראקס ז"ל מאנ"ש באומאן, היה סנדלר ואיש פשוט ותמים, אבל היה עובד השם וירא שמים עם לב בוער להשי"ת, גם עסק לקרב הרבה אנשים לדרך התורה ולעבודת השם.

[טו] ע' כוכבי אור - ששון ושמחה בחידושים אות א' בהג"ה אות כ"א; ... מִלְּבַד בְּפוּרִים שֶׁאָז מִצְוָה לְקַיֵּם אֶת הַמַּאֲמָר חֲכָמֵינוּ זַ"ל (מְגִילָּה ז:) שֶׁחַיָּב אֱינָשׁ לִבְסוּמֵי וְכוּ' כִּפְשׁוּטוֹ, כֵּן שָׁמַעְתִּי מֵאָבִי הֲרֵינִי כַּפָּרַת מִשְׁכָּבוֹ בְּשֵׁם אַדְמוֹ"ר זַ"ל וּבְשֵׁם שְׁאָר צַדִּיקֵי אֱמֶת שֶׁלֹּא כְּדַעַת הַמְפָרְשִׁים בָּזֶה בְּעִנְיָן אַחֵר. אָמַר הַמַּעְתִּיק שָׁמַעְתִּי בְּשֵׁם אַדְמוֹ"ר זַ"ל שֶׁהַשִּׁכְרוּת בְּפוּרִים הוּא תִּקּוּן לִפְגַם הַבְּרִית...

ס'וואלט גארנישט געווען! 'כאחד האדם' אינגאנצן געווען - - - האב איך געזעהן א מופת!

איך ווייס אז אלע יארן בין איך עם מקיים - ס'איז געווען אין די סוף פ'ען (בסוף שנות ה'תר"פ) - איך פלעג אלע יארן מקיים זיין דעם 'לבסומי בפוריא' - אין אומאן - און דא (בעת חוליו הנ"ל) ווי קען איך עם מקיים זיין?! אבער איך האב עם מקיים געווען! דער אויבערשטער האט מיר געהאלפן, אינדערפרי בין איך געווארן 'כאחד אדם'! ס'איז גארנישט דא! שוין. (אחד מהנוכחים; 'לב בשר') יא!

*

ר' אברהם שטערנהארץ האט אזויפיל געטרינקען, ער האט אזויפיל געטרינקען און נישט געווארן שיכור! (ר' נחמן ישראל בורשטיין ז"ל; ווער עם פלעגט אריינקומען צו איהם, מען פלעגט האלטן אין איין קומען א גאנצן טאג, האט ער אנגעגאסן 'זיך' א גלעזל, און 'יענעם' א גלעזל...).

ער איז אמאל געווען אין אומאן, שטארק געטרינקן, האט ער גערעדט, שטארק געווען מבושם, איך בין געגעבן א קום אריין צו איהם, פורים, האט ער מיר געגעבן א כאפ ארום אין מיך אנגעהויבן קושן! 'מתפתה בינו', גלייך גערעדט, איבערגעבעטן מיך מיט א ליבשאפט, אזוי, א גוטע סימן 'מתפתהביינו יש בו מדעת קונו'![טז]

עס איז געווען א געוואלדיגע וועג אין אידישקייט, אן התעוררות לתשובה! (השכרות בפורים).

*

# "לקיים את ימי הפורים האלה"...

(השואל; אבער וואס דער ענין וואס מען האט באלד אינדערפרי נאכן דאווענען זיך באלד גענומען צו דעם?), ניין, נישט באלד נאכן דאווענען! דאס איז געווען בייטאג די זאך, מען האט פריער מקיים געווען מצות 'משלוח מנות', און מען פלעגט ארויסכאפן אסאך דארטן 'לימוד', אפלערנען די שיעורים פונעם טאג, שולחן ערוך, מיטן רבי'נס ספר, און מען איז אריין געקומען צו ר' אברהם (שטערנהארץ ז"ל) - פלעגט מען

[טז] עפ"י גמ' עירובין דף ס"ה ע"א, ועי' מזה בליקוטי מוהר"ן תניינא סי' כ"ו.

אריין קומען איינס - צוויי - אזייגער בייטאג, ס'איז שוין געווען נאך מנחה, דארטן האט מען מקיים געווען 'עד דלא ידע'.

*

(השואל; וויאזוי איז געווען ביי ר' אברהם ר' נחמנ'ס?) ר' אברהם ר' נחמנ'ס ווייסט מען נישט וואס ס'איז געווען, נאך דער מגילה איז ער אוועקגעגאנגען, מען האט נישט געוואוסט ווי ער איז, זיין שטייגער איז דאך אלע טאג געווען אזוי, פארנאכט'ס איז ער אריינגעקומען מיט א שמייכל, ער האט נישט געטרונקען (דעמאלטס), און ער איז געווען מיט אונז פרייליך, אוודאי.

*

(השואל; איר זענט נישט געווען שיכור יענע צייט?) איך בין געווען אלע יארן שיכור, דארטן פלעגט מען דאך זיין שיכור פון ברוינפן, ברוינפן איז גרינגער ווי וויין, מען טרינקט אוים א גלאז ברוינפן - א צוויי גלעזער ברוינפן, איז שוין ערלעדיגט!

מען האט דארט גערעדט אזעלכע דיבורים, הו הו!

עס איז געווען אמאל א פורים, דער עולם איז געווען גרויסע ארימעלייט, מען האט נישט געהאט וואס צו עסן, איז געווען - 'דוד הייסינער'[י] האט געמאכט א סעודה, (דוד' דער מיט די שטיוול, נישט דער רב), ער האט געמאכט א סעודה, ער האט אלעמען געגעבן גוט אנצועסן, און האט זיי געגעבן גוט צוטרינקען אסאך, און מען האט געטרינקען! איז ער צוגעפאלן - דוד - צו 'יענקל זיטאמער' צו די פיס, און ער האט איהם געקושט אין די פיס (וצעק); 'יענקל טוה מיר אהן א בארד'! 'יענקל טוה מיר אהן א בארד'!! ווייל דעמאלטס האט ער נאך נישט געהאט קיין בארד, 'יענקל טוה מיר אהן א בארד'...

עס איז געווען גרויסע 'הרהורי תשובה', מען האט אזעלכע דיבורים גערעדט בשעת די שיכרות!

[י] מעיר הייסין, ואח"כ עבר להתגורר באומאן, מתחלה לא היה שותמ"צ, ופעם ביקר בקלויז של אנ"ש ומאז נתהפך ונעשה בעל תשובה גמור, והיה מספק מגפיים (שטיוול) ובגדי חורף לאנ"ש היוצאים לשדה (עי' שיש"ק ח"ו אות ק"ו ק"ז).

דער וועלט זאגט דאך א ווערטל "וואס ביי א ניכטערער אויף די לונג, איז ביים שיכור'ער אויף די צונג", מען האט ארויסגערעדט דיבורים, גוטע דיבורים! מען האט ארויסגערעדט דיבורים פון בענקעכטץ צום אויבערשטן! גוטע דיבורים גערעדט, די פנימיות האט מען געזעהן, יא יא, ס'איז געווען גוט!

(השואל: מען האט געוויינט שיכור'ערהייט?) יא, אוודאי! ס'איז געווען טרערן, ס'איז געווען אזוי, ס'איז געווען, ס'איז געווען.[יח]

*

(השואל: ר' אברהם ר' נחמנ'ס, ווי אזוי איז ער געווען פורים בימי חורפו?), בימי חורפו וויים איך נישט, מסתמא האט ער אויך מקיים געווען אזוי - (אוועק נאכ'ן מגילה ליינען, און צוריקגעקומען פארנאכט, כנ"ל), ביי איהם איז געווען אזוי - די עבודת היום האט ער נישט מבטל געווען, נאר וואס דען - ס'איז 'אפשר לקיים לשניהם', מען קען מקיים זיין ביידע! דער עובד השם איז מקיים ביידע - אין דעם טאג אויך האט ער אויך ביידע, ס'איז אפשר לקיים שניהם, ער פארלירט זיך נישט, אין דעם טאג איז ער אויך מקיים ביידע - ער האט זיך די 'שיעורים', און אלעס וואס מען דארף טאן!!

אבער אויך א געוואלדיגע הצנע לכת געווען, ער געבט א קוק אריין, ווער, וואס, ווען, און שוין! מיט אלע צוזאמען - און שוין, מאכט נישט קיין געשעפט!

דער מענטש וואס זיין חיות איז געווען הצנע לכת, וואס ער קען זיך מער פארבאהאלטן - דאס איז אינגאנצן זיין חיות! אינגאנצן זיין חיות איז נאר פארבאהאלטן זיך, מיט דעם לעבט ער! אז ער האט געקענט ארויסכאפן - אוועק גיין און קומען פארנאכט, מען וועט דאך איהם נישט פרעגן ווי ער איז געווען, נאר זיך באהאלטן - איז ביי איהם א געווינס!

ווער שמועסט פורים, דער איז שיכור, דער טרונקט, און ער האט זיך שוין דארטן זיין ווינקל, ער גייט זיך אוועק דארטן און קומט צו גיין פארנאכט - - ער איז מקיים, ער איז אויך מקיים (- הבסומי בפורים), אבער מען איז דאך נישט מחויב צו זיין א גאנצן טאג שיכור!

---

[יח] עי' עלים לתרופה מכתב ד"ש: ... וּתְהִלָּה לָאֵ-ל הָיָה לָנוּ פּוּרִים שֶׁל שִׂמְחָה בִּטְשֶׁעהרִין, וְדִבַּרְתִּי תְּהִלָּה לָאֵ-ל הַרְבֵּה מֵאֱמוּנָה הַקְּדוֹשָׁה, עַד שֶׁרֻבָּם כְּכֻלָּם זָלְגוּ עֵינֵיהֶם דְּמָעוֹת הַרְבֵּה בְּתוֹךְ הַשִּׂמְחָה וְהַשְׁתִּיָּה הַקְּדוֹשָׁה שֶׁל פּוּרִים...

*

## "נכנס יין יצא סוד"...

[(ר' נחמן ישראל בורשטיין;) ר' אפרימ'ל (קרקובסקי ז"ל, בעל עונג שבת) פלעגט זאגן אזוי, 'יעלזו חסידים בכבוד' - די מכובד'יגע חסידים, איז 'ירננו על משכבותם' - זיי לייגן זיך צו שלאפן, אזוי ווי די רמ"א זאגט, אבער 'רוממות אל בגרונם' - די וואס זענען מקיים די ממלא בגרונם יין, איז 'וחרב פיפיות בידם' - זענען זוכה צו תיקון הברית!][יט].

ער האט גערעדט הויכע דיבורים, אוודאי!

(ר' נחמן ישראל בורשטיין; דא איז ר' שמואל שפירא זיך גלייך מתייחד מיטן פלעשל...), אויך נישט 'גלייך', און די לעצטע צייט איז שוין געווארן אביסעלע שפעטער, ער איז מקיים 'מתנות לאביונים' און 'משלוח מנות', דערנאך געבט ער א גיי אוועק - און קומט אריין שיכור!

ער קען נישט טרינקען (בטבעו), ער דערציילט מיר 'נתן' (בנו של ר' שמואל); ער געבט א טרונק, (וצועק מכאב) 'איך קען נישט', 'איך קען נישט'...

"ער רעדט וואוילע דיבורים"!! (בעת שתייתו).

[(א' מהנוכחים;) ער שרייעט אז מ'דארף טרונקען מיט מסירות נפש! (ר' נחמן ישראל בורשטיין;) ער האט מיר אמאל געזאגט, אז א גאנץ יאר ביי קידוש, נייט ער זיך צו טרונקען די וויין, ער קען עס נישט סובל זיין די ריח פון די וויין! (אחד מהנוכחים;) מען האט זיך מחי' געווען אין אמעריקע מיט זיינע דיבורים!]

ער רעדט! ער רעדט וואוילע דיבורים, פורים! ער רעדט וואוילע דיבורים, ער רעדט וואוילע דיבורים - ר' שמואל!

דאס האט ער געזאגט (פעם אחת בפורים); אזא 'פייגעלע' - זאגט ער, 'א חידוש' - אזא פייגעלע ווי איך בין, האט דער בעל דבר צוגעלאזט (להתקרב לרבינו), איך האב זיך אויך אריינגעכאפט!

---

[יט] עי' כוכבי אור - ששון ושמחה בחידושים אות א' בהג"ה אות כ"א, הובא בהגהות לעיל.

אזא פייגעלע - זאגט ער, אזא 'פויגל' ווי ער איז - האט זיך אויך ארייננגעכאפט דא! אזא פויגל זאל זיך ארייננכאפן דא?! אבער ער האט זיך אויך ארייננגעכאפט, ער האט זיך אויך ארייננגעכאפט!! א חידוש - זאגט ער - אז ער (הבעל דבר) האט דאס צוגעלאזט, אבער - ער האט זיך ארייננגעכאפט דא!

[(ר' נחמן ישראל בורשטיין:) אלע יאר האט ער געהאט א אנדערע ווארט, איינמאל האט ער געשריגן, "אומאן וראש השנה" (רצ"ל עפ"י הפסוק 'ליהודים היתה אורה', 'אורה' ראשי תיבות 'אומאן וראש השנה') - האט ער אפגעשריגן בלי גוזמא שעה'ן שעה'ן!

איך בין געווען איינמאל מיט ר' אברהם הערשלער, אברהם הערשלער איז געווען ביים אנהויב התקרבות, איז ער געקומען צו ר' אברהם'ן (שטערנהארץ זצ"ל), ר' שמואל שפירא איז דארט געזעצן, האבן זיי געזאגט אגאנצן צייט, אפשר אפאר שעה נאכאנאנד; "אומאן וראש השנה", "אומאן וראש השנה", אזוי נאכאנאנד! די אנדערע יאר האט ער געהאט אן אנדערע ווארט...

(אחד מהנוכחים:) דער שמעון דער הינקעדיגער וואס וואוינט אין קטמון, האט גערופן ר' שמואל שפירא "דער-רבי", וויבאלד ער פלעגט שרייען פורים 'דער רבי'! 'דער רבי'!

ער האט געוואוינט לעבן די פירער-אויטא'ס (מקום הטעקסי'ס) דארטן, האט ער געזאגט; מען דארף זיי מחזיר בתשובה זיין! ער האט געשריגן...

(ר' נחמן ישראל בורשטיין מספר:) אין אלט שטאט, דעם לעצטן יאר (ה'תש"ח) - זעקס און צוואנציג יאר צוריק - פורים, דעמאלטס איז געווען די 'מצור', מען האט געדארפט ארויסגיין פון אלט-שטאט, דעמאלטס איז געווען די דריי חברות (של הציונים הלוחמים) 'אצ"ל' און 'הגנה' און 'לח"י', איז ער ארויסגעגאנגען, ביי אונז אין שול איז געווען א באלקאן וואס ס'איז ארויס אויפן גאס, אין בתי מחסה, איז ער - ר' שמואל ארויס אויפן באלקאן אנגעטרינקן, און געבט א געשריי; אצ"ל, הגנה, לח"י! און זיי זענען ארויסגעקומען לויפן, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן, האט ער גערעדט, 'או הו'... ער האט גארנישט געוואוסט עברית, "וועגן וואס זאגט איר אז איר היט די אלטשטאט? ווער זענט איר? ער האט אנגעהויבן אזוי צו רעדן, אויסגעטייטש און געזאגט, וואס הייסט דאס 'הגנה'? איר ווייסט וואס הייסט?! - הו האט ער געשריגן, ס'איז צוזאמגעלאפן גאנץ אלט-שטאט, ס'איז געווען דער מצור,

און אז איינער האט געשריגן איז מען געקומען הערן וואס ער רעדט, מען האט מורא געהאט...]

*

(השואל; ר' אברהם'ס טאטע, ר' הירץ, פלעגט ארויפגיין אויף א בוים, ר' הירץ סופר), אין ברסלב, אויף א בוים, אזוי פלעגט ר' אברהם דערציילן - ער האט אנגעטון א קיטל, און ער האט געשריגן מיט קולי קולות, גערעדט אידישקייט - גערעדט דארט!

ר' דוד צבי, ר' מיכל'עס ברודער, דער עלטערער זוהן פון ר' יצחק (בן מוהרנ"ת) איז אויך געווען געוואלדיג פורים, 'נאשקע' (ב"ר שכנא ב"ר דוד צבי הנ"ל) האט מיר דערציילט - האט מיר דערציילט אז ער פלעגט נעמען א גרויסן קאפעלוטש, ארומנעמען, אנגעצינדן לעכט, 'א גרויסן קאפעלוטש מיט אנגעצינדענע לעכט', און ער איז געגעבן א קום אריין, און ער האט אנגעהויבן 'רעדן', ער האט אנגעהויבן 'רעדן'!

אזוי איז ער געווען א פארמאכטער, - ר' מיכל'ע פלעגט יא רעדן היימיש - נאר פורים איז ער אריינגעקומען מבושם, מיטן קאפעלוטש מיט די לעכט, און ער האט אנגעהויבן צו רעדן!

*

זיי זענען געווען גרויסע ערליכע אידן, ביי זיי איז מקויים דער דיבור פון ר' נחמן ר' יצחק לייב'ס[כ]; "א שופר ליגט א גאנץ יאר אין ארון הקודש - אז עס קומט ראש השנה בלאזט ער"!! א גאנץ יאר זענען זיי געווען גרויסע ערליכע אידן, 'פורים' האבן זיי ארויסגעגעבן! זיי זענען א גאנץ יאר געליגן אין אידישקייט איינגעבאקן, און פורים האט זיך עס ארויסגעגעבן!

ר' נחמן (ב"ר יצחק לייב) האט געזאגט 'א שופר ליגט א גאנץ יאר אין ארון קודש - אז עס קומט ראש השנה בלאזט ער'! אוודאי, אז מען איז אגאנץ יאר אין 'ארון הקודש' - אז ס'קומט ראש השנה דאווענט מען!

*

[כ] מחשובי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל.

# "אם יפול האחד - יקום את חברו"

(השואל: איר האט אמאל דערציילט פון ר' לייב טראוויצער - - ), יא, ר' סענדר'ס א ברודער, ער איז געווען אמאל שיכור אין טראוויצע, ביי ר' סענדר האט מען זייער אסאך געטאנצן, און ר' לייב איז געגעבן א פאל צו דער ערד, ס'איז געווען אינמיטן טאנצן.

אז ער איז געפאַלן, האבן זיי איהם אפגעלאזט און אריינגעגאנגען אין א אנדערן חדר, און ר' לייב איז געבליבן ליגן אזוי אויף דער ערד, ער האט זיך א כאפ אויף געגעבן, און געגעבן א גיי אריין צו זיי, (ואמר) "אַדְאָם איז חברים? איר לאזט מיר ליגן און מען גייט אוועק?! און דארטן וועט איר אויך אזוי טוהן - דארטן?! 'בעלמא דקשוט' וועט איר אויך אזוי טוהן - איבערלאזן אליין און אוועקגיין?! מען וועט אייך געבן דארטן א גרויסן 'גן עדן', וועט איר מיך אפלאזן?!!

האבן זיי געמאכט ביי זיך א 'כריתות ברית' אז זיי וועלן זיך דארטן אויך האלטן אינאיינעם!

דער רבי רעדט דארטן אין די מעשה פונעם פינפטן טאג[כא], אז אזעלכע וואס האבן שוין דערהארעוועט, זיי האבן שוין געהאט די מידות פון דער בוים, האבן זיי געווארט! (על חבריהם שעדיין לא הגיעו).

אונזערע לייט פלעגן תמיד רעדן, דאס איז א געוואלדיגע זאך! א מענטש - ער קען שוין גיין צום בוים, דער תענוג פון דער בוים - זאגט דער רבי דארטן - קען מען גארנישט אויסמאלן וואספארא תענוג דארטן איז דא! דארטן לעבן אלע בשלום, דארט איז קיין שום היזק נישט דא! נאר וואס דען - וויבאלד אז יענער האט נאכנישט די מידות - ווארטן זיי צו!!

פלעגט מען רעדן - וואס טוהען זיי אין די צייט וואס זיי ווארטן? זיצן פשוט אין ווארטן? מען ווארט אויף דער 'באַן'? וואס טוען זיי דערווייל וואס זיי ווארטן?! מוז מען דאך זאגן; זיי ווארטן - כאטשיג זיי גייען צום בוים - אלע, איז אויך א חילוק, זיי גייען אלע צום בוים, אבער וואס איינער האט אין זיך מערער בענקעבטץ, גייט ער אנדערש צו צום בוים!

---

[כא] ספר סיפורי מעשיות, מעשה י"ג - ז' בעטלערם.

אבער דערווייל איז דאך עס א נסיון, א מענטש קען שוין גיין צום בוים - און ער ווארט צו אויף יענעם!

(חוזר לענין ר' לייב טראוויצער) - האבן זיי אפגערעדט ביי זיך אז זיי ווען דארטן אויך האבן א שייכות אינעם מיטן צווייטן! א געוואלדיגע מענטש געווען דער ר' לייב, דער ר' לייב האט אויף זיך געזאגט - דער ר' לייב וואס האט זיך אמאל צוטרינקען זיך שטארק (כדלעיל, אמר פעם בהזדמנות אחרת;) "די בארד האט שוין פינעף און צוואנציג יאר נישט געהאט קיין הרהור"!! אזוי האט ר' לייב אויף זיך געזאגט! דער ר' לייב - 'פינעף און צוואנציג יאר האט שוין די בארד נישט געהאט קיין הרהור'!! - ער האט אנגעכאפט די בארד בשעת מעשה!

*

# דאס 'הארץ' קער צו דעם 'קוואל'...

ר' פנחס יהושע'ס טאטע, "ר' יצחק אייזיק יוסל סופר"[כב], ער האט געזאגט פורים; "אז ער האט שוין נישט קיין מורא פאר'ן יצר הרע"! האט איהם ר' נתן געפרעגט צומארגנ'ס - - [צו ער געדענקט וואס ער האט געזאגט נעכטן, האט ער געענפערט "איך זאג היינט אויך אזוי"!!][כג]

בשעת ער איז נפטר געווארן, מען האט איהם דורך געטראגן דורך ר' נתנ'ען, דורכ'ן פענסטער, איז ר' נתן ארויסגעגאנגען און האט זיך אנגערופן זיך "אַדאָם איז געווען א איד א נוטר הברית"! - און אנגעוויזן אויף דעם ר' יצחק אייזיק יוסל!

ער איז געווען א סופר, איך האב געהערט אז ער פלעגט מקדש זיין דעם 'שם', און מען איז דורך געגאנגען דורכ'ן פענסטער איז געווען א פחד הערנדיג, א פחד איז געווען צו הערן ווי ער האט מקדש געווען דעם שם! אזוי האב איך געהערט, אז ס'איז געווען א געוואלדטיגע פחד השם - הערנדיג ווי ער האט מקדש געווען דעם שם!

[כב] מגדולי תלמידי מוהרנ"ת ז"ל, ומראשוני מקורביו.

[כג] הושלמנו עפ"י כוכבי אור, שיחות וסיפורים אות נ"ז (כרך ששי), עיי"ש.

ער האט מיר געזאגט 'דער אלטער נתן', אז ער האט געהאט זיינע פרשיות, נתן דאס איניקל, 'נתן בייטלמאכער'! ער האט געהאט זיינע פרשיות זאגט ער, נאר וואס דען, זיי זענען פארבליבן אין אלט-שטאט (בעת כיבוש הערבים בתש"ח).

ער איז געווען א זיידע זיינע[כד], האט ער מיר געזאגט; איך האב געהאט דעם זיידנ'ס פרשיות, נאר זיי זענען פארבליבן אין די אלט-שטאט!

*

פון וואנעט האט זיך גענומען זיין התקרבות? (של ר' יצחק אייזיק יוסף סופר הנ"ל), רבי נתן איז ארויסגעגאנגען - דעם רבי'נס בית המדרש איז געווען אקעגן -רבי נתן איז ארויסגעגאנגען פונעם קלויז יום כיפור אויפדערנאכט, נאך 'כל נדרי', האט ער געהערט א קול פון רבי'נס בית המדרש, מען האט געזאגט תהלים - מיט א געוואלדיגן התעוררות, מען האט שוין געהאלטן ביים סוף תהלים, ר' נתן איז ארויסגעגאנגען פון זיין קלויז, מען האט עס גערופן 'ר' נתנ'ס קלויז', און דארט קעגנאיבער איז דער בית המדרש (הישן של רביז"ל), וואס איז געווארן דער 'שטאטישע בית המדרש'. ווען ר' נתן איז ארוים פון זיין קלויז האט ער געהערט א קול פון סוף תהלים, מיט אזא מין התעוררות, האט ער א פרעג געגעבן; 'ווער איז דאס? האט מען איהם געענפערט, דאס איז ר' יצחק אייזיק יוסל, און ער זאגט שוין דאס 'צווייטע מאל' תהלים, אין די צווייטע מאל זאגט ער שוין מיט אזא התעוררות! האט זיך אנגערופן ר' נתן; 'דאס הארץ קערט צו דעם קוואל'![כה] 'דאס הארץ קערט צו דעם קוואל'! און ער האט געהייסן מען זאל זיך פאַרענען, מען זאל איהם מקרב זיין!

האט מען זיך געפאָרעט, און פורים איז ער שוין געווען ביי רבי נתנ'ען, פורים איז ער שוין געווען! וואס ער האט זיך צושריגן זיך - ער איז אריינגעקומען פורים - "דער רבי איז אמת ויציב ונכון וקים", "דער רבי איז אמת ויציב ונכון וקים"! דעמאלטס האט ער אויף זיך אזוי געזאגט - אז "ער האט שוין נישט מורא פאר'ן יצר הרע"!

ער האט נישט מאריך ימים געווען, ער איז נפטר געווארן, בחיי רבי נתן.

---

[כד] ר' נתן בייטלמאכער, ב"ר פנחס יהושע מ'טשערין, ב"ר יצחק אייזיק יוסף סופר ז"ל הנ"ל.

[כה] מליצת לשון עפ"י ספר סיפורי מעשיות, מעשה י"ג - ז' בעטלערס, יום ג'.

*

(השואל: דער 'גרעקעווער וועלדל' איז געווען ווייט פון קלויז?!) ווי קען איך דיר אוים מאלן אומאן?! (השואל: איך מיין צו פרעגן, אויב מען פלעגט גיין צו א ווייטע פעלד אויך?!) איך ווייס נישט צו מען איז געגאנגען אין גרעקעווער וועלדל, רבי אברהם ר' נחמנ'ס פלעגט גיין.

איך האב אלץ גערעכנט אז דער גרעקעווער וועלדל איז געווען גאר אין א אנדערע וועג, אבער הערש לייב (ליפל ז"ל) זאגט מיר אז ער גערעדנקט עפעס לעבן די 'קאזארמעס' - אזוי זאגט מיר הערש לייב, דארטן איז דער גרעקעווער וועלדל!

*

(השואל: אין כוכבי אור[כ] שרייבט ער אז ר' יצחק אייזיק יוסף האט געשריגן "דער רבי, דער רבי זיין גרויסקייט" - -) ער האט אזוי געשריגן: "דער רבי איז אמת ויציב ונכון וקיים"!

(פה נקטע קצת השיעור)

*

## א ברכה אין די 'צייט'...

רבי נתן האט געהאט אסאך מענטשן אין ברסלב - ער האט געהאט מענטשן וואס זיי זענען ארומגעגאנגען גאנצע נעכט און האבן געברומט אזוי ווי די חיות גייען ארום און ברומען! גאנצע נעכט ארום געגאנגען ברומען - אזעלכע מענטשן האט רבי נתן געהאט!

רבי נתן האט געזאגט: "דאס וואס דער רבי האט 'געוואלט', ביי מיר איז עס געווען"![כ] דער רבי האט געוואלט, און רבי נתן האט 'געהאט' די דאזיגע מענטשן - ארום געגאנגען מיט אזא ברומינג אזויווי די חיות! א בענקעכטץ צום אויבערשטן! "אזכרה אלוקים ואהמיה אשיחה ותתעטף רוחי סלה" (תהלים ע"ז, ד')!

---

[כ] שיחות וסיפורים אות נ"ז (כרך ששי), עיי"ש בארוכה.

[כ] בחי' 'פי שנים' שהתלמיד מקבל - והכל בכוחו של הרב, כמ"ש ליקו"מ תו' ס"ו, (עי' שיש"ק ב' ק"כ, ובקונטרס טעם זקנים-ב' שי"ל על ידינו).

'אזכרה אלוקים ואהמיה' - נאכדעם 'אשיחה', דער רבי רעדט דאך דארטן אין די תורה 'תקעו אמונה'[כח], אז עס איז פארהאנען אמאל א 'צעקה בלב' און נאכדעם קען ער אנהויבן רעדן!

'אזכרה אלוקים' - איך 'דערמאן זיך' אינעם אייבערשטן, איך קען נישט 'רעדן', 'ואהמיה' - הייב איך אן ברומען, נאכדעם 'ואשיחה' - נאכדעם הייב איך אן רעדן, נאכדעם הייב איך אן רעדן! - אזוי פלעגן אונזערע לייט טייטשן אויף די תורה ה'.

'אזכרה אלוקים ואהמיה' - א מין 'ברומינג' צום אייבערשטן, ער קען נישט רעדן, נאר 'בענקען', נאכדעם הייבט ער אן רעדן - נאכדעם אשיחה! דער רבי זאגט דאך דארטן 'צעק ליבם', דערנאך קען ער שוין רעדן.

*

(השואל; ווי האבן זיי געקענט מקיים זיין אלע עצות פון רבי'ן, און אויך לערנען גאנץ ש"ס אין א יאר מיט רי"ף רא"ש, און זוהר וכו'?!) הער זיך איין, אזוי ווי עס שטייט ביים עסן (ויקרא כ"ו, ה'), "ואכלתכם לחכמם לשובע", זאגט רש"י; "אוכל קמעה ומתברך במעיו", זעהן מיר דערפון, אז עס איז דא א ברכה פון אייבערשטן - ער עסט א ביסעלע און ער איז זאט! ס'איז פארהאן אמאל ביים שלאפן אויך אזוי - א מענטש אז דער אייבערשטער (געבט אריין א ברכה) - דערנאך וואס ער איז 'בקדושה' זייער - באגענוגט ער זיך מיט 'אביסל שינה'[כט], שלאפט ער אביסל און ער איז אויסגערוהט, דער מוח איז איהם אויס גערוהט!

אזעלכע מענטשן - זיי האבן אזא מין 'זכרון', א 'שמירה', דער תורה איז ביי זיי אפגעהיט, כאפט ער (שנעל דאס לערנען)! די זכרון איז איהם גרוים!

פון וואנעט נעמט זיך דען אינגאנצן דער ענין פון 'שכחה'? זאגט דער רבי אין תורה זיי"ן; עס נעמט זיך פון 'זמן', פון 'זמן' מחמת נעמט זיך 'שכחה', אבער תפילה איז דאך 'למעלה מן הזמן', איז נישט שייך קיין שכחה דארטן! ממילא איז דא א

---

[כח] ליקוטי מוהר"ן תנינא תו' ה' אות ב', עיי"ש.

[כט] עי' ליקוטי הלכות הל' ברכות הריח ד' אות מ"א.

׳ברכה׳ אין די תורה, און ס׳איז דא א ׳זכרון׳ אין די תורה! ער גערענקט זייער גוט, ס׳ליגט אין זכרון![ל]

ר׳ אברהם ר׳ נחמנ׳ס - ער האט געהאט אזא מין געוואלדיגן זכרון, ס׳איז א געוואלד געווען זיין זכרון! פארוואס? ווייל א מענטש וואס איז א הייליגער מענטש, אין דער מוח ליגט נישט קיין שום גשמיות׳דיגע זאכן, ווייל ער ליגט נישט אין קיין שום גבול, די אלע זאכן איז דאך אלץ א ׳גבול׳ (ענינים גשמיים), און אז דער מוח ליגט נישט אין קיין שום גבול - קיין שום זאך וואס זאל איהם מצמצם זיין - איז עס למעלה (מן הזמן) - אהן א צמצום, דעמאלטס ליגט דער גאנצער תורה אין מוח! פארגעסט איהם זיך נישט! ליגט א ׳ברכה׳! און ס׳איז טאקע ממש א ׳ברכה׳, א ׳ברכה׳, ׳אוכל קימעה ומתברך במעיו׳, ס׳איז א ברכה אינעם לערנען, א ברכה אין אלע זאכן! - נאר דאס איז דער תירוץ דא!

רבי נתן האט אזוי געזאגט; ״די וועלט וועט זיך פארוואונדערן אויף מיר, פון וואנעט האב איך גענומען אזויפיל צייט״?! - - דו ווייסט וויפיל רבי נתן האט איבערגעשריבן?! וויפיל ס׳איז אפגעדרוקט לקוטי הלכות׳ער - איז געווען אסאך מאל מערער איז געווען וואס מען האט נאכנישט אפגעדרוקט! און ר׳ נתן האט אסאך געדאווענט בכוונה! אסאך געדאווענט, פארברענגט שעה׳ן ביים דאווענען, מען רעדט דאך שוין נישט פון ׳התבודדות׳! און זיין ׳חצות׳! און ר׳ נתן האט אסאך גערעדט מיט מענטשן, אסאך גערעדט מיט מענטשן יעדן טאג! איז פון וואו האב איך געהאט אזויפיל צייט?! האט ער אזוי געזאגט; ״דער וועלט זאגט אויפ׳ן ש״ך אז ער האט געהאט ׳השבעת הקולמוס׳ - - דער ש״ך האט זייער אסאך געשריבן, ער האט באשווארן די פען, און די פען האט געשריבן! - - איך האב נישט קיין השבעת הקולמוס, נאר וואס דען? איך האב געהיט די צייט״!![לא] דאס האט ער געזאגט! ׳און אז מען היט דער צייט איז דא (צייט) אויף אלעם׳!!

*

[ל] עי׳ מזה גם בליקוטי מוהר״ן תו׳ י״א אות ב׳ ותו׳ ק״י, עה״פ ״לא ימושו מפיך״ וגו׳.

[לא] מענין זריזותו הנפלאה של מוהרנ״ת ז״ל, עי׳ פרפראות לחכמה תו׳ ס״ג אות ז׳ עה״פ לך אל נמלה עצל וכו׳, ועי׳ גם מתואר בארוכה בהקדמת עלים לתרופה, עיי״ש.

נאר וואס דען, עס שטייט דארטן אין ימי מוהרנ"ת[לב] אז נאכן רבי'נס הסתלקות איז געווען דארטן אין בית המדרש איינער - מען האט געזאגט אויף איהם אז ער איז א 'מתמיד', האב איך געזעהן אז ער איז נישט קיין מתמיד! האב איך איהם אריינגעבראכט 'התמדה'!

ס'איז פארהאן אמאל איינער, ער רעדט זיך איין אז ער היט די צייט, אבער ער היט גארנישט די צייט!

אז דער אויבערשטער העלפט, אז מען היט די צייט, גיבט דער אויבערשטער א ברכה! אז דער רגע איז ביי איהם אזוי אפגעהיטן, שענקט מען איהם א ברכה! אז דער רגע איז ביי איהם נישט אפגעהיטן, די צייט איז ביי איהם הפקר - פארוואס זאל איך דיר דארפן געבן ברכות אז דער צייט איז ביי דיר הפקר?! אבער אז דער צייט איז ביי איהם אפגעהיט, נאר ס'איז איהם נישט מספיק, גיבט מען איהם א ברכה, גיבט מען איהם א ברכה אין די צייט! ממש א בחינה פון 'אוכל קימעה ומתברך במעיו', א ברכה אין זכרון! ער האט א ברכה, מ'געבט איהם א ברכה.

(ר' נחמן ישראל בורשטיין; זיי זאגן נאך פון ר' יצחק ברייטער אז ער פלעגט זאגן 'על זאת יתפלל כל חסיד אליך 'לעת מצוא' - ער זאל געפונען צייט!!)

*

[אה! זיי דאווענען שוין מנחה! (א' הנוכחים; מען קען דא מאכן א מנין, מיר זענען מער ווי צעהן).

ביי אונז וועט מען היינט האבן א קריאת המגילה, אבער נישט קיין על הניסים (היה אז פורים המשולש), 'על הניסים' איז שבת, זונטאג משלוח מנות און סעודת פורים און שכרות, און פרייטאג איז נאר 'קריאת המגילה', מער נישט, קריאת התורה נישט, קריאת המגילה און מתנות לאביונים - דאס איז פרייטאג, און שבת איז דער עיקר פורים, שבת זאגט מען על הניסים, שבת ליינט ויבא עמלק, און די הפטרה איז פון פרשת זכור, אזוי ווי דער שבת פריער פון פרשת זכור.]

* * *

(חסר, מספר איך שהיה פורים בעת התגוררותו בטאשקענט בשנות המלחמה) "בארג מיר א לעפל רייז, אז איך זאל קענען מקיים זיין משלוח מנות, איך האב נישט מיט וואס"! (כן שאל אותו א' מאן דהו, מחמת גודל הרעב והמחסור ששרר שם), האב איך איהם

---

[לב] ימי מוהרנ"ת ח"א אות פ"ג.

געבארגט א 'לעפל רייז', ער האט דאס מקיים געווען מיט א שטיקל ברויט! (ואחר זמן השיב אותו הנ"ל;) 'נאדיר אפ דעם לעפל רייז'! צוריקגעבען א לעפל רייז איז געווען א נסיון, ס'איז נישט געווען וואס צו עסן! א 'לעפל רייז' מיט א 'שטיקל ברויט' איז געווען סעודת פורים!

'בארגט מיר א לעפל רייז איך זאל קענען מקיים זיין משלוח מנות', גענומען א לעפל רייז מיט א שטיקל ברויט, אן אפגעקאכטע רייז - אין 'טאשקענט' (מזרח רוסלאנד), ער האט מיר געזאגט אז ער וועט מיר אפגעבן צוריק; 'האט נישט קיין מורא מיר וועלן אייך אפגעבן דעם לעפל רייז' - -

* * *

**הוספנו כאן חלק משיעור בספה"ק ליקוטי מוהר"ן תו' נ"ח, הנמצא ג"כ באותה ההקלטה של השיעור הנ"ל, ולא ידוע זמן אמירתו.**

## דער 'לוחם' קעגן עמלק!

[לג] - - - זאגט דער רבי (שם אות ג'); "משה איז געווען כלול פון די אבות" (וע"כ היה לוחם כנגד עמלק וכו', עיי"ש). א טייל זאגן אז ס'איז געווען א 'פגם' וואס משה האט איבערגעגעבן (מלחמת עמלק ליהושע) - אז דער אייבערשטער האט געזאגט צו משה! "צא הילחם בעמלק" - האט ער געזאגט צו יהושע'ן! וואס האט ער געדארפט שיקן יהושע? ! גיי אליין!

---

[לג] כדי להקל על המעיין, נעתיק כאן חלקים בקצרה מתו' נ"ח השייכים להשיעור דלהלן;

אִיתָא בְּזֹהַר בְּרֵאשִׁית (דַּף ל"ב:): תְּלָת נָפְקִין מֵחַד. חַד בִּתְלָת קָיְמָא. חַד עָל בֵּין תְּרֵין. תְּרֵין יָנְקִין לְחַד. חַד יָנִיק לְכַמָּה סִטְרִין:

(א) הַיְנוּ כִּי בְּאֵר וְעָנָן וּמָן, כֻּלָּם חָזְרוּ בִּזְכוּת מֹשֶׁה ... וְזֶהוּ: 'תְּלָת נָפְקֵי מֵחַד', הַיְנוּ: 'בְּאֵר וְעָנָן וּמָן', הָיוּ בִּשְׁבִיל חַד, בִּשְׁבִיל מֹשֶׁה:

(ב) וּמֹשֶׁה הָיָה נִשְׁמָתוֹ כָּלוּל מִשְּׁלֹשָׁה אָבוֹת, וְהָיָה לוֹ כֹּחַ לְהַמְשִׁיךְ אֵלּוּ הַשְּׁלֹשָׁה הַשְׁפָּעוֹת ... בְּחִינַת "הִנְּךָ שֹׁכֵב עִם אֲבוֹתֶיךָ וְקָם", שֶׁיָּקוּם בִּתְחִיָּה כָּלוּל מִשְׁלָשְׁתָּן; וְזֶה: 'חַד בִּתְלָת קָיְמָא':

(ג) וּבְכֹחַ שֶׁהָיָה כָּלוּל מֵאָבוֹת, הָיָה לוֹחֵם כְּנֶגֶד עֲמָלֵק ... כִּי הָאָבוֹת הֵן בְּרִית, בְּחִינַת: "וְזָכַרְתִּי אֶת בְּרִיתִי יַעֲקוֹב" וְכוּ'. וַעֲמָלֵק טִמֵּא בְּרִיתָם, בִּבְחִינַת: "אֲשֶׁר קָרְךָ בַּדֶּרֶךְ...

(ד) וּבָזֶה שֶׁהִכְנִיעַ קְלִפַּת עֲמָלֵק וְתִקֵּן הַבְּרִית, זָכָה לִבְחִינַת: "וְהָיָה לֶחֶם מִשְׁנֶה עַל אֲשֶׁר יִלְקְטוּ יוֹם יוֹם". וְיוֹסֵף שֶׁזָּכָה לַבְּרִית, כְּתִיב בֵּהּ: "וַיַּרְכֵּב אוֹתוֹ בְּמִרְכֶּבֶת הַמִּשְׁנֶה", הַיְנוּ מִשְׁנֶה עַל אֲשֶׁר יִלְקְטוּ יוֹם יוֹם, שֶׁעַל־יְדֵי בְּרִית זוֹכֶה לְשֶׁפַע כְּפוּלָה: וְזֶה: 'תְּרֵין יָנְקִין לְחַד', שֶׁבְּחִינַת שַׁבָּת מְקַבֵּל מִיּוֹסֵף

אבער אין זוהר הקדוש שטייט[לד], אז עס האט אנדערש נישט געקענט זיין! משה האט געדארפט מלחמה האלטן אויבן - די קליפות פון עמלק מכניע זיין - דעמאלטס האט עס געקענט טוהן יהושע אונטן! 'כאשר ירום משה' - אז משה האט אויפגעהויבן אויבן - אז משה טוהט אויבן די מלחמה, דעמאלטס האט געקענט אונטן יהושע זיך מתגבר זיין אויף עמלק - 'וכאשר יניח ידו וגבר עמלק'!

פון דאנעט ווייזט אויס, טאקע ווייל משה איז געווען - ער האט געהאט דעם 'ברית' פון די אבות הקדושים, ער איז געווען 'כלול' פון דעם 'ברית', און עמלק איז דאך 'פגם הברית' (עי' שם אות ג'), האט משה געדארפט אויבן מכניע זיין דעם שר פון עמלק'ן, און אונטן האט געקענט יהושע ווייטער טוהן!

*

דער רבי זאגט דארטן[לה]- קעגן דעם בלעם, די קליפה, אז ער דארף אינזין האבן ביי שמונה עשרה 'בלעם'! (להכניע אותו). דער משה, דער משה! משה האט געהאט אן עמלק'ן, געהאט א בלעם, משה האט אויך געהאט א בלעם - א 'בלעם' מיט 'עמלק' מיט 'פרעה' - אזעלכע קליפות!

מען זאגט אז אין מדבר איז געווען קליפות "נחש שרף עקרב וצמאון"[לו], אזעלכע קליפות, מען האט בשום אופן נישט געקענט דארטן אריינגיין אין מדבר, די קליפות האבן פארברענט דארט! אבער אז מען האט געבויעט דארטן די משכן, די משכן איז געגאנגען, האט ער צוריבן אלע קליפות! אלע טומאות צוטראטן! און פונדעסטוועגן - האט זיך געטוהן וואס ס'האט זיך געטוהן, 'וילונו וילונו וילונו', ווען נישט דאס - וואלט ווען געווען געוואלדיג!

---

לֶחֶם מִשְׁנֶה, הַיְנוּ "מִשְׁנֵה תּוֹרָה". בְּחִינַת: "וָאֶהְיֶה שַׁעֲשׁוּעִים יוֹם יוֹם: וּבְחִינַת שַׁבָּת, מַשְׁפִּיעַ לִשְׁאָר הָעוֹלָמוֹת, בִּבְחִינַת: "וְהָיְתָה שַׁבַּת הָאָרֶץ לָכֶם לְאָכְלָה". וְזֶה: 'חַד יָנִיק לְכַמָּה סִטְרִין':

(ה) ... וּכְשֶׁהַחָכְמָה בְּקִיּוּמָהּ וּבִשְׁלֵמוּתָהּ, אֲזַי הוּא בִּבְחִינַת: 'חַד עָל בֵּין תְּרֵין'. שֶׁיָּכוֹל לִלְחֹם מִלְחֲמוֹת ה' ... וְאָז כְּשֶׁמַּכְנִיעַ כָּל הַצָּרִים הָרוֹדְפִים אַחַר חֲלוּשֵׁי כֹּחַ שֶׁבְּיִשְׂרָאֵל, וּמַכְנִיס אוֹתָם לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, עַל־יְדֵי־זֶה זוֹכֶה לְחַדֵּשׁ חִדּוּשִׁין דְּאוֹרַיְתָא בְּשַׁבָּת עַל חַד תְּרֵין, בִּבְחִינַת לֶחֶם מִשְׁנֶה, בְּחִינַת מִשְׁנֵה תּוֹרָה, בְּחִינַת: "מְגִלָּה עָפָה" ... וְשַׁבָּת מְשַׁלֵּחַ הֶאָרוֹתָיו לְכָל הַמַּדְרֵגוֹת, בִּבְחִינַת: 'חַד יָנִיק לְכַמָּה סִטְרִין', וּמְרַפֵּא רְפוּאוֹת הַנֶּפֶשׁ וּרְפוּאוֹת הַגּוּף ...

ע"כ השייך לשיעור הנ"ל.

[לד] פרשת בשלח דף ס"ה ע"ב.

[לה] חיי מוהר"ן אות רמ"ד.

[לו] עי' זוה"ק פרשת תצוה דף קפ"ג ע"ב, ועוד.

בפרט טאקע - אזוי ווי עס שטייט אויפ'ן 'דור המדבר' דארט, אין זוהר הקדוש[לז] - אויפ'ן דור המדבר; אז אזא דור איז נאך נישט געווען! אזא 'דור דעה' איז נאך נישט געווען - ווי דער דור המדבר איז געווען! פארוואס? ווייל זיי האבן געהאט ביי זיך משה! איי, ס'איז דאך געווען די אלע קלקולים?! נאר דער דור האט נישט געקענט קומען - - (חסר, ולא מובן ההמשך).

*

# א 'דאפלטע' השפעה...

(שם אות ד' בלקוטי מוהר"ן -) עס גייט תמיד 'כפולה' די שפע, ס'גייט אזא מין השפעה פון אויבן, 'על חד תרין', ס'גייט נאכאמאל נאכאמאל, טויזענט מאל, הונדערט טויזענט מאל, די שפע הערט נישט אויף! די שפע - אז זי איז נישט מכונה בשם 'משנה', הערט זי אויף, אז זי איז מכונה בשם משנה - איז תמיד איז זי "צוויי'עדיג", תמיד 'בכפל', אזוויוי דארט ביי די 'מגילה עפה', 'עפה עפה', (עיי"ש בלקו"מ אות ה'), צוואנציג, פערציג, הונדערט, תמיד 'בכפל'!

'משה' האט זוכה געווען צו דער 'לחם משנה', א השפעה פון 'לחם משנה', דאס הייסט; א גע'כפל'טע שפע, א 'שפע כפולה'! וואס דאס הערט קיינמאל נישט אויף. פארוואס טאקע האט ער זוכה געווען צו דער שפע?! ווייל ער האט מכניע געווען דעם קליפת עמלק - האט ער זוכה געווען צו א השפעה פון לחם משנה!

*

(שם אות ד' -) "ויוסף שזכה לברית" שטייט ביי איהם "וירכב אותו במרכבת המשנה", ביי איהם שטייט אויך 'משנה'! דער 'משנה' וואס שטייט ביי משה רבינו, 'אשר ילקטו יום יום', דאס איז דער איינ'געער משנה וואס ס'שטייט ביי יוסף הצדיק!

דערפאר טאקע קען דער צדיק שרייען "געוואלד, זייט אייך נישט מייאש"! אז ער האט א השפעה פון 'לחם משנה', דעם גרעסטן 'חוטא ופושע' קען ער איהם זאגן "געוואלד זייט אייך נישט מייאש", און דער גרעסטער צדיק - קען ער איהם ווייזן ער ווייסט גארנישט![לח]

ער האט אזא מין השפעה פון 'לחם משנה', אזא גע'כפל'דיגע שפע, סיי דעם קלענסטן האט ער א השפעה - 'ער זאל זיך נישט מייאש זיין', און אויף דעם גרעסטן האט ער ווייטער א השפעה - 'ער זאל איהם ווייזן אז ער ווייסט נאך גארנישט'! ביי איהם איז כסדר די שפע אלץ

---

[לז] עי' פרשת בשלח דף ס"ב ע"ב, ועוד.

[לח] עי' לקו"מ תו' ז' תניינא אות ז', ושם בתו' ס"ח, מענין הצדיק דאחיד בשמיא וארעא - שמאיר בדרי מעלה ובדרי מטה, וכו'.

'משנה משנה', א 'משנה' - קען ער איהם ווייזן אז ער ווייסט גארנישט, און ער קען איהם געבן א התחזקות אז ער זאל זיך האלטן! ער האט אין זיך א השפעה פון לחם משנה.

"**שעל ידי ברית זוכה לשפע כפולה**" (שם) - ער האט אזא מין סארט שפע אז ס'לאזט זיך קיינמאל נישט אוים די שפע, ווי ער גיבט זיך א ריר - זיין רחמנות איז א רחמנות אהן א סוף! א רחמנות פון 'לחם משנה'! אהן א שום אויפהער - - ווייטער 'א התחזקות', איז עס א התחזקות פון לחם משנה, אהן א שום אויפהער!

*

## די 'אויגן' פון די וועלט!

(כאן חסר קצת, וכנראה שמביא מלקו"מ תניינא תו' ס"ז, עי' למטה), [לט]- די 'בית המקדש' זאגט דער רבי 'איז נאר די אויגן', אבער די 'כח הראות' אריינשיינען אין בית המקדש - דאס איז דער צדיק! דערפאר שטייט ביים צדיק "ראו" - ביי 'בצלאל', און עס שטייט 'ראו' אויך ביי 'שבת' - "ראו" (כי ה' נתן לכם השבת)! זאגט דער רבי דארטן - אז דורכ'ן 'שבת' ווערן געעפענט די 'אויגן'!

קומט אוים אז דער גאנצער 'שבת', וואס דער 'שבת' איז 'ראו', די "**תלת גוונין דעינא ובת עין**" (שם), נעמט זיך פון די 'ארבע' (מוחין) פונעם צדיק! דאס איז די השפעה פונעם שבת!

דאס זאגט דער רבי דא (בתו' נ"ח); "**תרין ינקין לחד**", דער 'חד' איז דער 'שבת', דער שבת איז מקבל די 'לחם משנה' פונעם צדיק!!

עס גייט אזוי, די 'ארבע אותיות הוי"ה' - זאגט דער רבי (בתו' ס"ז הנ"ל) - ווערט דערפון "תלת גוונין דעינא ובת עין", פון 'תלת גוונין דעינא' ווערט 'יסוד הפשוט', און פון 'יסוד הפשוט' ווערט איצטער די 'ארבע יסודות'!

און דער צדיק - ער איז דאך דער 'יסוד הפשוט', 'יסוד הפשוט' ווערט דאך פון 'תלת גוונין דעינא ובת עין', דערפאר טאקע דער צדיק - ער איז דער 'ארבע מוחין', זיינע מוחין איז די

---

[לט] ז"ל בלקוטי מוהר"ן תניינא תו' ס"ז:

... כִּי שַׁבָּת הוּא בְּחִינַת כֹּחַ הָרְאוּת, שֶׁהֵם תְּלָת גְּוָנִין דְּעֵינָא וּבַת עַיִן, הַמְּאִירִין לְבֵית־הַמִּקְדָּשׁ שֶׁהוּא בְּחִינַת עֵינַיִם. וְזֶה בְּחִינַת מֹחִין. כִּי מִתְּחִלָּה נַעֲשֶׂה מִבְּחִינַת שֵׁם ה', שֶׁהוּא אַרְבַּע אוֹתִיּוֹת, בְּחִינַת אַרְבָּעָה מֹחִין ... שֶׁהֵם נַעֲשִׂין מִבְּחִינַת שֵׁם ה', כְּמוֹ שֶׁכָּתוּב: 'רְאוּ כִּי קָרָא ה' בְּשֵׁם בְּצַלְאֵל, וַאֲמַלֵּא אוֹתוֹ וְכוּ' בְּחָכְמָה וּבִתְבוּנָה" וְכוּ', וְאַחַר־כָּךְ נַעֲשֶׂה בְּחִינַת תְּלָת גְּוָנִין דְּעֵינָא וּבַת עַיִן, וְאַחַר־כָּךְ אַרְבָּעָה יְסוֹדוֹת ... וּבִשְׁבִיל זֶה נִקְרָאִים הַצַּדִּיקִים "עֵינֵי הָעֵדָה", כִּי עַל־יָדָם נִפְתָּחִין הָעֵינַיִם ...

'ארבע מוחין' - זאגט דער רבי דארטן, און דער צדיק איז דער 'ראו' - דער 'תלת גוונין דעינא ובת עין', און דער צדיק איז דער 'יסוד הפשוט', וואס פון דעם ווערן די 'ארבע יסודות' (עיי"ש בפנים).

*

(המשך תו' נ"ח אות ד' -) **"דער שבת איז מקבל פון יוסף לחם משנה, היינו משנה תורה בחינת ואהיה שעשועים יום יום"** - דאס זאגט דאך די תורה, א תענוג פון 'יום יום', וואס הייסט 'יום יום'? יום יום מיינט מען 'לחם משנה'! דער תענוג פון לחם משנה שטייט טאקע ביי שבת! "עונג שבת" (עי' שם להלן אות ו' עפ"י לשון הכתוב 'וקראת לשבת עונג') !

**"ובחינת שבת משפיע לשאר עולמות, בבחינת והיתה שבת הארץ לחם לאכלה"** - שבת וועט אייך שוין געבן 'לאכלה', דער שבת וועט זיין 'לכם לאכלה', "וזה חד יניק לכמה סטרין", דער שבת איז משפיע - -

*

דער רבי איז טאקע א 'נחל הנובע'[מ], א טייך וואס קוועלט, א בחינה פון 'לחם משנה', א 'שפע כפולה', וואס הייסט א 'טייך'? ער 'קוועלט'?! ער קוועלט - הייסט דאך ס'קומט אלעמאל נייעס! ער קוועלט אלעמאל נייע זאכענישן! א טייך אלעמאל קוועלט קוועלט, דאס איז א בחינת 'שפע כפולה', ס'קומט אלעמאל גע'כפל'ט, נאכאמאל נאכאמאל, און וואס מער מען שעפט פון דעם קוואל איז ער (משפיע מער)! אדרבה - א קוואל איז דאך א זאך, אז מען שעפט נישט טויג נישט! וואס מען שעפט מער פון דעם קוואל - דער קוואל גיבט מערער! גייט נאך, נאך!

עד כאן נמצא מהשיעור על תו' נ"ח.

**על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס**

| | | | |
|---|---|---|---|
| מוה"ר **חיים מאיר האס** הי"ו<br>מאנסי יצ"ו<br>**לרגל שמחת היכנס בנו לעול התורה והמצוות** | מוה"ר **יואל** (ברמ"צ) **גראס** הי"ו<br>קרית יואל יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בנו למזל טוב** | מוה"ר **אברהם יצחק לייפער** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** | מוה"ר **בערל וואגשאהל** הי"ו<br>וויליאמסבורג יצ"ו<br>**לרגל שמחת הולדת בתו למזל טוב** |

[מ] עי' חיי מוהר"ן אות קפ"ט.